ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת וארא

אידיש

514

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ארבעה-עשר

## • וארא •

עס ווען ערקלערט ווערן אין דעם פרק, זעקס און צוואָנציג צוימען, וואס אַ מענטשן דאַרף זיי טאָן.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון פערצענטער פרק


א. דער מענטש זאָל אויסמישן דאָס וואָס ער האָט געשריבן אין זיינע יונגע יאָרן, מיט דעם וואָס ער שרייבט אין זיינע עלטערע יאָרן ........ ג

ב. ער זאָל באַטראַכטן די יסורים וואָס קומען אויף אים, ווי אַזוי זיי זענען מידה כנגד מדה ........ ג

ג. ער זאָל זיך דערוויטערן פון קוקן אַפילו אויף איר קלייד ........ ד

ד. ער זאָל אין זיינע האָבן ביים עסן געזונט צו מאַכן זיין קערפער כדי צו דינען דעם אויבערשטן ........ ד

ה. זנות ברענגט דעם מענטש צו אָרימקייט – אַ מעשה אויף דעם ........ ד

ו. ער זאָל נישט טוהן אַ זאַך וואָס ווייזט אַז ער האָט מורא פון אַ מענטש מער ווי פון דעם אויבערשטן ........ ה

ז. דער וואָס טוט תשובה אויף עבירות דאַרף שטענדיג געדענקען אַז ער האָט געזינדיגט ........ ו

ח. דער בעל תשובה דאַרף דערווייטערן פון זיך די שלעכטע מדה וואָס איז איינגעוואָרצלט אין אים, ווייל אויב נישט, וועט ער זיך אומקערן צו זיינע שלעכטע מעשים ........ ז

ט. דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון יעדע שלעכטע טראַכטונג בשעת דעם זיווג ........ ז

י. דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם נאָר צו פאַרריכטן זיינע וועגן ........ ח

יא. ער זאָל שטעלן פאַר זיינע אויגן דעם חסד וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים מער ווי די מלאכים, און ער זאָל זיך שעמען פון זינדיגן ........ ח

יב. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן וועגן באַקומען באַלוינונג אויף דער וועלט פאַר די מצוות וואָס ער איז מקיים ........ ט

יג. ער זאָל זיך באַגנוגענען מיט די זאַכן וואָס ער מוז האָבן, און ער זאָל נישט פאַרלאַנגען קיין מותרות – איבעריגע פאַרגעניגנס ........ ט

יד. דער מענטש וואָס זינדיגט פאַרקירצט זיינע טעג, און די טעג וואָס ער האָט געקירצט גיט מען פאַר די צדיקים וואָס עס איז שוין געקומען זייער צייט אָוועקצוגיין פון דער וועלט ........ ט

טו. ווען ער הערט עפּעס, אַפילו אַ חידוש פון תורה, זאָל ער נישט זוכן דאָס אָפּצואוועגדן, כאָטש אַפילו עס געפעלט אים נישט ........ י

טז. אַ מענטש זאָל אייביג האָבן אַ פריילך פנים, וואָס דאָס ווייזט אויף די מדה פון בטחון וואָס ער האָט ........ י

יז. דורך מקיים זיין די תורה און מצוות מיטן גאַנצן כח און כוונה ווערן געהייליגט זיינע איברים, און אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף זיי יסורים – איז מען אים מוחל און דער גזר דין ווערט בטל ........ יא

יח. די שאַנד פון פולקייט און די מעלה פון די מדה פון זריזות ........ יב

יט. אַ מענטש זאָל אַריינטראַכטן אין די מעשים פון רשע וואָס ער איז מודה אַז זיינע מעשים טויגן נישט, נאָר ער קען נישט אָפּלאָזן זיין געוואוינהייט ........ יב

כ. דער מענטש זאָל באַטראַכטן דאָס רחמנות פון אויבערשטן, וואָס ער האָט צער כביכול פון רשעים צער, און ער פרייט זיך מיטן גוטס פונעם צדיק ........ יג

כא. דער מענטש וואָס זינדיגט איז גורם שלעכטס נישט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר זיינע קינדער נאָך אים ........ יג

כב. דער מענטש זאָל טראַכטן ווען ער גיט אויס הוצאות פאַר אַ מצוה, אַז ער גיט אויס אַ פרוטה כדי צו קויפן אַ דינר ........ יד

כג. ער זאָל שטראָפן זיינע קינדער ווען זיי זענען נאָך קליין, און זאָל נישט זאָגן: ווען זיי וועלן גרויס ווערן, וועלן זיי פאַרלאָזן זייערע שלעכטע מדות ........ יד

כד. ער זאָל נישט בועט זיין אין יסורים וואָס קומען אויף אים, ווייל אויב יאָ ברענגט ער אויף זיך נאָך יסורים ח"ו ........ טו

כה. דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן מיט דער גרעסטער דערווייטערונג פון מקנא צו זיין די רשעים צוליב זייער הצלחה ........ טו

כו. דער ענין פון גלגולים אין אַ בהמה, און דאָס גלייכן ........ טז

כז. דער מענטשן זאָל זיך פאַרטראַכטן אין פרעה הרשע, וואָס האָט געהאַרטעוועט זיין נאַקן און איז געשלאָגן געוואָרן ........ יז


❖ ❖ ❖

# פרק ארבעה-עשר

## דער מענטש זאָל אויסמישן דאָס וואָס ער האָט געשריבן אין זיינע יונגע יאָרן, מיט דעם וואָס ער שרייבט אין זיינע עלטערע יאָרן.

**א. ימי הבחרות וימי הזקנה,** די טעג פון דער יוגנט מיט די טעג פון דער עלטער מוז דער מענטש צוזאַמענמישן צום גוטן. דאָס הייסט וואָס ער האָט געשריבן אין זיין יוגנט זאָל ער אויסמישן מיט דעם וואָס ער שרייבט אויף זיין עלטער, ווייל דעמאָלט זענען די זאַכן מיט מער טעם, ביז זיין עלטער האָט ער שוין געזען אַסאַך ספרים אָן אַ שיעור, און ער האָט אין זיין האַנט אויף יעדער זאַך אַסאַך ראיות.

## ער זאָל באַטראַכטן די יסורים וואָס קומען אויף אים, ווי אַזוי זיי זענען מידה כנגד מדה.

**ב. יראה,** ווען עס קומען אויף אים יסורים זאָל ער זען אָפּוועגן אין זיין דעה ווי זיי זענען מדה כנגד מדה, קעגן די עבירות וואָס ער האָט געטאָן, און דאָס וועט אים ברענגען אַז ער וועט מודה זיין אין די השגחה פון השם יתברך צו באַצאָלן יעדן מענטש. אָבער ווען ער וועט נישט אַכטונג געבן אין די זאַכן און וועט אָנהענגען אַז דאָס איז אַ מקרה, עס טרעפן זיך אָפּט אין דער וועלט אַזעלכע זאַכן, וועט ער קיינמאָל נישט תשובה טאָן. דאָס האָט מרמז געווען שלמה המלך ע"ה, "**עונותיו ילכדנו את הרשע**", דעם רשע טוען באַצווינגען זיינע עבירות, דאָס מיינט, דורך דעם קומען אויף אים יסורים. אָבער דער רשע מיינט אַז במזיד האָט ער גאָרנישט געטאָן קיין עבירה, נאָר אומגערן האָט ער אפשר געטאָן אַן עבירה, "**ובחבלי חטאתו יתמך**", טוט ער די יסורים אָנלענען אין די עבירות וואָס ער האָט געטאָן אומגערן. אָבער אַז דער רשע דערקענט זיינע זינד זעט ער

אַז די עונשים וואָס זענען געקומען אויף אים זענען מדה כנגד מדה קעגן די עבירות וואָס ער האָט במזיד געטאָן, און וועט שוין נישט לייקענען אַז השם יתברך ברוך הוא איז אַ משגיח אויף אַלעמען.

**ער זאָל זיך דערווייטערן פון קוקן אַפילו אויף איר קלייד**

**ג. יתרחק,** דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון אַזעלכע זאַכן וואָס ברענגען צו שלעכטע מחשבות, און דערמיט האָט זיך איוב געריימט, איך האָב געמאַכט אַ צוים צו מיינע אויגן פון צו קוקן אויף אַ בתולה. נאָך מער, אַפילו אויף די קליידער וואָס אויף איר האָב איך אויך נישט געקוקט.

**ער זאָל אין זינען האָבן ביים עסן געזונט צו מאַכן זיין קערפער כדי צו דינען דעם אויבערשטן**

**ד. כשאוכל,** ווען ער עסט זאָל זיין כוונה נישט זיין כדי ער זאָל זיין פעט, נאָר געזונט צו מאַכן זיין גוף צום דינסט פון באַשעפער, און דאָס האָט שלמה המלך מרמז געווען: דו זאָלסט נישט זיין "**בזוללי**" צווישן די פרעסערס, וואָס זייער כוונה איז "**בשר למו**" כדי צו פאַרמערן פלייש צו זייער גוף.

**עבירות ברענגט דעם מענטש צו אָרימקייט – אַ מעשה אויף דעם**

**ה. יחשוב,** דער מענטש זאָל שטענדיג טראַכטן וועגן דעם גרויסן עונש וואָס מען האָט פאַר די עבירות, און דאָס וועט אים זיין ווי אַ צוים אַז ער זאָל זיי נישט טאָן, אַזוי ווי שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט "**כי בעד אשה זונה עד ככר לחם**", אויסער דעם פשוטן פשט, אַז דער וואָס לויפט נאָך זינד, כאָטש ער איז אַ גרויסער עושר, ווערט ער אָרים און קומט צו דעם ער זאָל בעטלן ברויט, קען מען זאָגן נאָך אַ פשט, אַזוי ווי עס האָט זיך געטראָפן איינער איז געווען אַ גרויסער עושר און האָט געגלוסט צו טוהן אַ עבירה נאָר ער האָט עס

נישט געקענט טאָן ווייל עס איז אים פאַר אים געווען אַ גרויסע שאַנדע, האָט ער זיך אָנגעקליידעט אָרעמע קליידער און ער האָט זיך פאַרשטעלט אַז מען זאָל אים נישט דערקענען, און ער האָט זיך געמאַכט ווי איינער וואָס גייט אַרום אין די הייזער און געטוהן די עבירות.

**דאָס** מיינט דער פסוק "**בעד אשה זונה**", ווייל ער וויל קומען צו אַ עבירה, "**עד ככר לחם**" מאַכט ער זיך גלייך ווי ער איז אַן אָרימאַן וואָס גייט אין די הייזער. נו, איז דען דאָ אַן ערגער בזיון פון דעם?

## ער זאָל נישט טוהן אַ זאַך וואָס ווייזט אַז ער האָט מורא פון אַ מענטש מער ווי פון דעם אויבערשטן

**ו. יזהר,** אַ מענטש זאָל געוואָרנט זיין פון טאָן אַ זאַך וואָס ווייזט אַז ער האָט מורא פאַר אַ מענטש מער ווי פאַר דעם אויבערשטן. די תורה האָט ביי אַ גנב האַרבער געמאַכט דעם דין ווי ביי אַ גזלן, ווייל דער גנב אַז ער פאַרקויפט די גניבה מוז ער באַצאָלן פיר אָדער פינף מאָל אַזוי פיל, און דער גזלן באַדאַרף מער נישט אָפּגעבן נאָר דעם קרן. דאָס איז ווייל דער גנב ווייזט אַז ער האָט מורא פאַר מענטשן מער ווי פאַר דעם אויבערשטן, און אויף דעם האָט דער נביא זיך מתרעם געווען "**בית ישראל יושבים על אדמתם**", די אידן זיצן אויף זייער ערד, דאָס איז ארץ ישראל, "**ויטמאו אותה**", און זיי פאַראומרייניגן זי, "**בדרכם ובעלילותם**", מיט זייערע וועגן און זייערע ווערקן, "**כטומאת הנדה היתה דרכם לפני**", זייער וועג איז געוואָרן פאַר מיר אַזוי ווי דאָס אומריינקייט פון אַ נדה. דאָס האָט ער געמיינט זיי טוען זייער זינד פאַרבאָרגן ווייל זיי האָבן מורא פאַר אַ מענטש מער ווי פאַר מיר. זיי האָבן געטאָן זייערע עבירות אַז קיין מענטש זאָל נישט זען, נאָר פאַר מיר אַליין זענען אַנטפּלעקט זייערע זינד.

**ישים,** ער זאָל וויסן אַז דעם אויבערשטער שטראָפט נישט קיינעם אומזיסט נאָר מיט דין און גערעכטיגקייט. ער טוט נישט קיין אומרעכט, און אַז ער וועט זען אַז עס קומט אויף אַ מענטש אַ שטראָף, כאָטש אים דאַכט זיך אַז דער מענטש איז אַ צדיק זאָל ער וויסן באמת אַז מיט דעם דין האָט השם יתברך זיי געבראַכט אויף אים, ווייל אַז ער וועט דאָס נישט גלייבן וועט ער זאָגן חס ושלום אַז השם יתברך טוט שלא כדין, אָדער השם יתברך קען אים נישט העלפן ח"ו.

**וזהו,** און דאָס מיינט דער פסוק "**ויבוא אל הגוים אשר באו שמה**", און די אידן זענען געקומען צו די פעלקער אין גלות אַריין, "**ויחללו את שם קדשי**" און טוען פאַרשווערכן מיין הייליגן נאָמען, "**באמור להם עם ה' אלה**" דערמיט וואָס זיי וועלן זאָגן דאָס איז דאָך דעם אויבערשטנ'ס פאָלק און זיי זענען אַלע צדיקים, "**ומארצו יצאו**" און זיי זענען פאָרט געגאַנגען אין גלות. ווי קומט דאָס? מוז נאָר זיין ווייל דער אויבערשטער כביכול קען זיי נישט מציל זיין. אָבער אַז זיי זאָלן מודה זיין אַז דער אויבערשטער יתברך טוט אַלץ מיט דין, וואָלט נישט געקומען צו דעם חילול השם.

### דער וואָס טוט תשובה אויף עבירות דאַרף שטענדיג געדענקען אַז ער האָט געזינדיגט

**ז. יזכור,** ער זאָל תמיד געדענקען זיינע זינד און זאָל טראַכטן ווי אַלע זיינע עבירות זענען אויף אים מלמד חובה, און אַז ער וועט אַזוי טראַכטן וועט ער מער נישט זינדיגן און וועט דערקענען די חסדים פון השם יתברך.

❖❖❖

**דער בעל תשובה דאַרף דערווייטערן פון זיך די שלעכטע מדה וואָס איז איינגעוואָרצלט אין אים, ווייל אויב נישט, וועט ער זיך אומקערן צו זיינע שלעכטע מעשים.**

**ח. צריך אדם,** אַ מענטש זאָל זיך שטאַרק דערווייטערן פון אַזאַ עבירה וואָס איז ביי אים איינגעוואָרצעלט, אזוי ווי די גלוסטיקייט פון געלט און דאָס גלייכן, ווייל כל זמן אַז די מדה איז אין אים איינגעוואָרצעלט איז עס אַ גרוסער עיכוב צו תשובה. דו קענסט זעהן אין "מלכים ב'" ביי די מצורעים, גחזי מיט זיינע זין, זיי זענען געקומען ביזן עק פון מחנה ארם און האָבן פון דאָרט געטראָגן גאָלד און זילבער און קליידער און האָבן עס באַהאַלטן, כאָטש זיי האָבן אַצינד דערפון קיין הנאה נישט געהאַט ווייל זיי זענען דאָך געווען מצורע, נאָר ווייל זיי זענען געווען אייגעוואָרצלט אין דער שלעכטער מדה.

**ט. לכן,** דעריבער, דער וואָס וויל תשובה טאָן און האָט אין זיך אַ שלעכטע מדה וואָס איז איינגעוואָרצלט אין אים, מוז ער פריער דערווייטערן פון זיך די מדה, ווייל אויב נישט וועט די דאזיגע מידה אים ברענגען, אַז ער זאָל אומקערן צו אַלע זיינע שלעכטע מעשים.

## דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם נאַר צו פאַרריכטן זיינע וועגן

**י. יסתכל,** דער מענטש זאָל אַכטונג געבן אויף די מעשים, צו דערוויטערן זיך פון דעם זעלביגן וואָס דער נאַר טוט, ווייל דער מענטש קען נישט דערקענען זיינע מעשים. יעדן מענטש געפעלט זיינע אייגענע מעשים, אָבער אַז אַן אַנדערער טוט די מעשה דערקענט ער דעם גנאי דערפון און דערוויטערט זיך דערפון, און דער חכם לערנט פון אַ נאַר ווי אַזוי צו פאַררעכטן זיינע מעשים.

## ער זאָל שטעלן פאַר זיינע אויגן דעם חסד וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים מער ווי די מלאכים, און ער זאָל זיך שעמען פון זינדיגן.

**יא. יתן,** דער מענטש זאָל תמיד געדענקען דעם חסד וואָס השם יתברך האָט געטאָן מיט דעם מענטש, וואָס ער האָט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער אַלע באַשעפענישן מער ווי די מלאכים, און דורך דעם וועט ער זיך שעמען אים צו דערצערענען.

**דאָס** האָט דוד המלך געזאָגט, השם יתברך, דו האָסט געטאָן מיט דעם מענטש חסד, כאָטש "**ותחסרהו מעט מאלהים**", דו האָסט אים אַביסל נידעריגער געמאַכט פון די מלאכים, זיי זענען בלויז רוחניים און דער מענטש איז פון ערד. פונדעסטוועגן האָסטו געטאָן חסד מיט אים, "**תמשילהו במעשה ידיך**", האָסט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער די ווערק פון דיינע הענט, "**כל שתה תחת רגליו**" אַלץ האָסטו געטאָן אונטער זיינע פיס. דערמיט "**כבוד והדר תעטרהו**", האָסטו אים באַשיינט מיט כבוד און שיינקייט וואָס צו די מלאכים האָסטו דאָס נישט געטאָן.

**דער מענטש זאָל נישט טראַכטן וועגן באַקומען באַלוינונג אויף דער וועלט פאַר די מצוות וואָס ער איז מקיים**

**יב. אַל יחשוב,** פאַר די מצוות וואָס דער מענטש טוט, זאָל ער נישט פאַרלאַנגען שכר אויף דער וועלט. נאָר ער זאָל טראַכטן אַז אויף דער וועלט איז נישט דאָ קיין שכר פאַר די מצוות, נאָר דער שכר איז אָנגעגרייט אויף די לאַנגע טעג פון עולם הבא.

**ער זאָל זיך באַגנוגענען מיט די זאַכן וואָס ער מוז האָבן, און ער זאָל נישט פאַרלאַנגען קיין מותרות - איבעריגע פאַרגעניגנס.**

**יג. יסתפק,** דער מענטש זאָל זיך באַגעניגן מיט וואָס ער באַדאַרף נויטיג און קען זיך אָן דעם נישט באַגיין, אָבער קיין איבעריגס זאָל ער נישט פאַרלאַנגען, ווייל טאָמער וועט עס אים אַראָפּפירן פון אויבערשטן׳ס דינסט. דאָס ביסל וואָס ער האָט זאָל ביי אים זיין גלייך ווי פיל, און גלייך ווי ער האָט אַלעס גוטס. און דאָס איז מרומז אין ״שמואל י״ב״ ״**ולרש אין כל**״ און דער אָרעמאַן האָט גאָרנישט, קען מען מרמז זיין דעם פשט, ״**אין**״, אַ נישט, איז ביי אים גלייך ווי ״**כל**״, גלייך ווי ער האָט אַלצדינג.

**דער מענטש וואָס זינדיגט פאַרקירצט זיינע טעג, און די טעג וואָס ער האָט געקירצט גיט מען פאַר די צדיקים וואָס עס איז שוין געקומען זייער צייט אַוועקצוגיין פון דער וועלט.**

**יד. יתן אדם,** דער מענטש זאָל שטענדיג טראַכטן אַז זיינע זינד זענען אים גורם ער זאָל גיך שטאַרבן ממילא מאַכט ער זיך אַליין פאַרלירן, און די טעג וואָס השם יתברך נעמט אַוועק ביי דעם רשע איז ער זיי מוסיף צו צדיקים. און דאָס מיינט דער פסוק ״**אור צדיקים ישמח ונר רשעים ידעך**״, ״**אור צדיקים ישמח**״ די

תורה וואָס ווערט גערופן "**אור**" פון די צדיקים טוט זיך פרייען, דעמאָלט "**נר רשעים ידעך**" ווען די ליכט פון די רשעים טוט זינקען, דאָס הייסט אַז ער שטאַרבט פאַר זיין צייט און מען נעמט די יאָרן און מען איז מוסיף דעם צדיק פרייט זיך די תורה, ווייל דער צדיק האָט נאָך פיל יאָרן צייט צו לערנען.

**ווען ער הערט עפעס, אַפילו אַ חידוש פון תורה, זאָל ער נישט זוכן דאָס אָפּצואוועגדן, כאָטש אַפילו עס געפעלט אים נישט.**

**טו. שלא יחלוק,** דער מענטש זאָל זיך נישט קריגן איבער אַ זאַך פון עולם הזה, דערפון פאַרלירט מען נאָר אומזיסט די צייט. אויך אַז ער הערט אַ נייעס אין דברי תורה, כאָטש עס געפעלט אים נישט זאָל ער נישט אָפּוועגדן, אַדרבא, ער זאָל זוכן ראיות אים צו שטאַרקן, ווייל דער שטייגער פון אַ נאַר איז אַז ער הערט עפּעס אַ נייע זאַך קריגט ער תיכף דערויף און זאָגט אַז עס איז נישט אַזוי, און דאָס איז זייער אַ מיאוסע מדה.

**אַ מענטש זאָל אייביג האָבן אַ פריילך פנים, וואָס דאָס ווייזט אויף די מדה פון בטחון וואָס ער האָט**

**טז. אַל יהא,** דער מענטש זאָל זיך נישט זאָרגן וואָס שפּעטער וועט זיין, נאָר ער זאָל שטענדיג פריילעך זיין, ווייל דאָס ווייזט אַז ער האָט בטחון אין השם יתברך און דעריבער פרייט ער זיך שטענדיג, ווייל ער פאַרזיכערט זיך אויף זיין באַשעפער אַז אפילו עס וועט קומען אויף אים שלעכטס ח"ו, וועט עס השי"ת פאַרריכטן.

**ועל,** און דעריבער האָט אליהו געזאָגט צו רב ברוקא, אויף צוויי פריילעכע מענטשן, וואָס זיי פלעגן פריילעך מאַכן די באַזאָרגטע לייט, אַז זיי וועלן האָבן עולם הבא, ווייל זיי האָבן געהאַט בטחון אויף השם יתברך און פלעגן אין אַנדערע אויך אַריינברענגען בטחון, און

דער מענטש וואָס איז אַ בעל בטחון, איז שטענדיג פריייליך. דעריבער האָבן זיי באַקומען עולם הבא.

**רמז,** און אַ רמז דערצו איז פון דעם פסוק "**וטוב לב משתה תמיד**", דער וואָס האָט אַ גוט האַרץ, דער פאַרזיכערט זיך אין זיין באַשעפער, "**משתה תמיד**" און דער איז שטענדיג פריילעך, גלייך ווי ער איז אויף אַ שמחה, אָבער דער וואָס איז נישט קיין בעל בטחון, איז ער טרויעריג טאָג און נאַכט.

**דורך מקיים זיין די תורה און מצוות מיטן גאַנצן כח און כוונה ווערן געהייליגט זיינע איברים, און אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף זיי יסורים – איז מען אים מוחל און דער גזר דין ווערט בטל.**

**יז. כשעושה,** אַז אַ מענטש טוט אַ מצוה, זאָל ער וויסן אַז דורך איר ווערט פאַרראָכטן אַלע זיינע איברים, ווייל די הייליגקייט פון דער מצוה גייט אַריין אינעווייניג און שטויסט אַרויס די טומאה פון יצר הרע. דעריבער זאָל ער טאָן די מצוה מיט גרויס שמחה און מיט זיין גאַנצן כח, ווי עס שטייט אין דער גמרא אַז דער וואָס ענטפערט אמן מיט זיין גאַנצן כח, דאָס הייסט מיט גרויס כוונה, צורייסט מען אים זיין גזר דין, ווייל דורך דעם וואָס ער ענטפערט מיט זיין גאַנצן כח דערוועקט ער זיין כוונה, און אַז ער טוט די מצוה מיט זיין גאַנצן כח און מיט כוונה שאָקלען זיך אַלע איברים און ווערן געהייליגט.

**וזהו,** און דאָס האָט שלמה המלך מרמז געווען "**כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא**", האָבן די חכמים גע'דרש'נט אַז דער טייטש פון וואָרט "**למוצאיהם**" איז "למוציאם", דער וואָס ציט זיי אויס מיטן מויל, דאָס מיינט מען דער וואָס לערנט תורה מיטן גאַנצן כח, ברענגט ער אַ היילונג צו זיין גאַנץ לייב, ווייל ווען די

קדושה גייט אין אים אַריין אינעווייניג ווערן אַלע זיינע איברים געהיילט, אַפילו אויב ער האָט געזינדיגט מיט איינעם פון זיינע איברים.

## די שאַנד פון פוילקייט און די מעלה פון די מדה פון זריזות

**יח. יתרחק,** דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן אין אַלע זאַכן פון פוילקייט. ער זאָל זיך געוואוינען צו זריזות, ער זאָל זיין אַ זריז צום אויבערשטנ׳ס דינסט, ווייל פוילקייט מאַכט פאַלן אויפן מענטש אַ שלעפעריקייט אין מצוות טאָן און אין אַלע מעשים.

**דערויף** האָט שלמה המלך געזאָגט **״אוגר בקיץ״**, דער וואָס זאַמלט איין זיין תבואה זומער, דער איז אַ **״בן משכיל״**, אַ קלוגער זוהן, **״נרדם בקציר״**, אָבער דער וואָס שלאָפט בשעת דעם שניט, דער איז **״בן מביש״** אַ פאַרשעמטער זוהן.

## אַ מענטש זאָל אַריינטראַכטן אין די מעשים פון רשע וואָס ער איז מודה אַז זיינע מעשים טויגן נישט, נאָר ער קען נישט אָפּלאָזן זיין געוואוינהייט.

**יט. יראה,** דער מענטש זאָל זען ווי שלעכט די מעשים פון רשע זענען. דער רשע אַליין איז אויך מודה אַז זיינע מעשים זענען שלעכט, נאָר ער קען זיי פון זיך נישט אָפּטאָן, ווייל ער איז אין זיי איינגעוואוינט, ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו עסן סם המות און עס איז ביי אים געוואָרן, אַזוי ווי אַ טבע אַז ווען ער עסט עס נישט איז ער נישט געזונט, ווייל ער איז דערמיט געוואוינט געוואָרן מוז ער עס שוין עסן. און וויבאַלד אַז אַפילו דער רשע אַליין איז מודה אַז זיינע מעשים זענען שלעכט, ווי אַזוי קען אַ מענטש צוהערן זיין יצר הרע וואָס וויל אים צוגעוואוינען צו די עבירות?

**דער מענטש זאָל באַטראַכטן דאָס רחמנות פון אויבערשטן, וואָס ער האט צער כביכול פון רשע׳ס צער, און ער פרייט זיך מיטן גוטס פונעם צדיק.**

**כ. יתן,** דער מענטש זאָל שטענדיג טראַכטן וועגן די דערבאַרעמדיגקייט פון אויבערשטן אויף אים, אַז ער איז זיך כביכול מצטער אויב ער שיקט אויף דעם מענטש אַ צרה ח״ו צוליב זיינע עבירות, און כאָטש פאַר דעם אויבערשטן קומט גאָרנישט אַרויס פון זיין צדקות און פון זיין רשעות, ווי דער פסוק זאָגט ״**אם צדקת מה תתן לו**״, אַז דו ביסט אַ צדיק וואָס טוסטו אים דען געבן, פונדעסטוועגן איז ער זיך פאָרט מצטער אויף דער צרה פון דעם רשע און פרייט זיך אויף דעם גוטס וואָס ער גיט דעם צדיק. און ווייל עס איז יאָ אַזוי, ווי אַזוי קען אַ מענטש זינדיגן פאַר זיין גאָט, אַז ער זאָל זיך כביכול מצטער זיין איבער אים?

**דער מענטש וואָס זינדיגט איז גורם שלעכטס נישט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר זיינע קינדער נאָך אים**

**כא. יחשוב,** דער מענטש זאָל טראַכטן בשעת ער גייט זינדיגן, אַז נישט צו זיך אַליין טוהט ער שלעכט, נאָר אַפילו צו זיינע קינדער אויך, און אַז ער וועט אַזוי טראַכטן וועט ביי אים גרויס זיין דער צער פון זיינע קינדער און ער וועט נישט זינדיגן, ווייל אַ מענטש האָט זיינע קינדער ליבער פון זיך אַליין. און צוליב דעם שטייט אין דער תורה ״**והאלהים נסה את אברהם**״, דער אויבערשטער האָט אויספּראָבירט אברהם׳ן און אים געזאָגט אַז ער זאָל ברענגען זיין זון יצחק צו דער עקידה. שטייט דאָרט נישט אַז דער אויבערשטער האָט אויספּראָבירט יצחק׳ן מיט הייסן אים גיין צו דער עקידה, ווייל אברהם האָט געפילט דעם צער מער ווי יצחק אַליין, דעריבער איז דער נסיון ביי אברהם׳ן געווען גרעסער ווי ביי יצחק׳ן. ממילא אַז דער מענטש איז זיך מיישב אַז זיינע זינד וועלן פאַלן אויף זיינע קינדער וועט ער זיך צוריק האַלטען פון זינדיגן.

**דער מענטש זאָל טראַכטן ווען ער גיט אויס הוצאות פאַר אַ מצוה, אַז ער גיט אויס אַ פּרוטה כדי צו קויפן אַ דינר.**

**כב. יחשוב,** אַז דער מענטש גיט אַן אָרעמאַן אַ פּרוטה, גיט אים השם יתברך אָפּ פיל פּרוטות, און דאָס האָט שלמה המלך געזאָגט אין פּסוק "**רודף צדקה וחסד**" דער וואָס יאָגט נאָך צו טאָן צדקה און חסד, "**ימצא חיים צדקה וכבוד**" דער וועט גרייכן לעבן און צדקה און כבוד. פאַר צדקה און חסד וועט ער באַקומען לעבן און צדקה און כבוד. אין לעבן איז איינגעשטעלט אַלעס גוטס. אין צדקה איז איינגעשטעלט אַלע גבורות, אַז דער אויבערשטער איז מחיה מתים דורך זיין צדקות און איז מקרב די גאולה, און אין כבוד איז איינגעשטעלט אַלע מעלות.

**ער זאָל שטראָפן זיינע קינדער ווען זיי זענען נאָך קליין, און זאָל נישט זאָגן: ווען זיי וועלן גרויס ווערן, וועלן זיי פאַרלאָזן זייערע שלעכטע מדות.**

**כג. ייסר,** דער מענטש זאָל שטראָפן זיינע קינדער פון קליינערהייט אָן צו לערנען זיי דעם וועג פון השם יתברך, און זאָל נישט זאָגן אַז זיי וועלן גרויס ווערן וועלן זיי נאָכלאָזן זייערע שלעכטע מדות, ווייל אויב ער געוואוינט זיך אין זיי ווערט עס ביי אים אַ טבע.

**וזהו,** און דאָס האָט שלמה המלך געזאָגט "**חנוך לנער על פי דרכו**", געוואוין דעם יונג לויט זיינע יאָרן, "**גם כי יזקין לא יסור ממנו**", אויך ווען ער וועט אַלט ווערן וועט ער זיך פון גוטן וועג נישט אָפּטאָן.

**אויך** זאָגט דער פּסוק "**חושך שבטו**", דער וואָס פאַרמיידט זיין רוט צו שטראָפן זיין זון אין דער יוגנט, "**שונא בנו**" איז גלייך ווי ער איז אַ שונא פאַר זיין זון, "**ואוהבו**" און דער וואָס האָט זיין זון ליב, "**שחרו מוסר**" שטראָפט ער אים אין דער יוגנט.

**ער זאָל נישט בועט זיין אין יסורים וואָס קומען אויף אים, ווייל אויב יאָ ברענגט ער אויף זיך נאָך יסורים ח"ו.**

**כד. אם,** אַז אַ מענטש זעט עס קומען אויף אים אַזעלכע יסורים וואָס עס איז נישט געבליבן קיין אָרט אין גוף וואָס איז נישט געשלאָגן, זאָל ער נישט זאָגן איך וועל שוין טאָן וואָס מיין האַרץ באַגערט ווייל עס איז דאָך שוין נישט דאָ קיין ליידיג אָרט אין מיין גוף. ווייל דער אויבערשטער וועט די זעלביגע יסורים אים שווערער מאַכן אָדער ער קען ברענגען אַ פאַרלענגדונג אויף זיין הויז. דעריבער זאָל ער נאָכטראַכטן זיינע מעשים און זיך שטאַרקן תשובה צו טאָן.

**דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן מיט דער גרעסטער דערווייטערונג פון מקנא צו זיין די רשעים צוליב זייער הצלחה**

**כה. יתרחק,** ער זאָל זיך דערווייטערן פון מקנא זיין די הצלחה פון רשעים און וואָס זיי זענען באַליבט ביי מענטשן, ווייל די קנאה וועט אים ברענגען אָפּצוטרעטן פון תורה און מצוות, אויך זאָל אים דער יצר הרע נישט איבעררעדן ער זאָל זאָגן איך וועל נישט טאָן אַזוי ווי זייערע מעשים נאָר איך וועל מאַכן אַ חברותא מיט זיי צוליב זייער הצלחה. ווייל אַזוי איז דער שטייגער פון דעם יצר הרע, אָנצוהייבן מיט אַ דרך היתר און אַריינצופירן אין אַ איסור.

**וזהו,** און דאָס האָט דוד המלך געזאָגט **"אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים"**, וואויל איז דעם מענטש וואָס איז נישט געגאַנגען אין די עצות פון רשעים, נאָר ער איז געגאַנגען אין דעם דרך פון תורה, און וואויל איז צו דעם וואָס זיין יצר הרע האָט אים נישט איבערגערעדט צו שטיין אין וועג פון די זינדיגער און צו זיצן צוזאַמען מיט די לצים, צו מאַכן חברותא מיט זיי צוליב זייער הצלחה, כאָטש ער וועט נישט טאָן אַזוי ווי זיי און כאָטש ער האָט אַ דוחק אין פרנסה, וועט זיין סוף זיין אַז ער וועט מצליח זיין און וועט מקיים זיין די תורה

פון עשירות, און ער וועט זיין **"כעץ שתול על פלגי מים"**, ווי אַ בוים וואָס איז געפלאַנצט געוואָרן ביי וואַסער, **"אשר פריו יתן בעתו"**, וואָס ער גיט זיינע פירות אין צייט, **"וכל אשר יעשה יצליח"** און וואָס ער וועט טאָן וועט ער באַגליקן, **"לא כן הרשעים"** אָבער צו די רשעים וועט נישט אַזוי זיין, נאָר זייער הצלחה וועט איבערגעקערט ווערן, **"כמוץ אשר תדפנו רוח"**, ווי די פלעווועס וואָס דער ווינט שטופּט זיי אַוועק.

## דער ענין פון גלגולים אין אַ בהמה, און דאָס גלייכן.

**כו. ישים,** ער זאָל איבערטראַכטן די טרעפּונגען וואָס קומען אויף דעם מענטש פון זיינע גלגולים וואָס חזר'ן זיך איבער, און דורך דעם וועט ער נידעריג מאַכן זיין גאוה און וועט תשובה טאָן. ער וועט עס געפינען אין ספר **כוונות האר"י** ז"ל (דף פ"ז).

**והקב"ה,** און דער אויבערשטער האָט געוואָלט ווייזן ווי אַזוי אַ מענטש ווערט מגולגל אין אַ בהמה, האָט ער עס געוויזן אַז נבוכדנצר הרשע איז געוואָרן אַ בער און איז געגאַנגען אויף פיר פיס, ווייל ער האָט גערעדט קעגן דעם אויבערשטן, און דערנאָך האָט ער אים ווידער געמאַכט פאַר אַ מענטש און האָט אים געלאָזט וויסן אַז ער איז דער ריכטיגער גאָט.

**ובזה,** און דאָס מיינט דער פסוק **"לתאוה יבקש"**, ווייל ער זוכט נאָכצוטאָן זיין גלוסטיגקייט, **"נפרד"** ווערט ער אָפּגעשיידט פון מענטשן און ווערט מגולגל אין אַ בהמה חיה ועוף און שקצים ורמשים, **"בכל תושיה יתגלע"** אין דעם אַלעמען ווערט אַנטפּלעקט זיין שוואַכקייט, ווייל אין די גלגולים ווערט אָפּגעשוואַכט דער כח פון זיין נשמה, אַזוי ווי די מקובלים שרייבן. ממילא אַז דער מענטש וועט זיך דאָס אַלץ איבערקלערן וועט עס אים זיין אַ צוים פון ווידערשפּעניגן קעגן השם יתברך.

**הנה,** איך האָב דיר דאָ געשטעלט זעקס און צוואנציג סייגים אַז דער וואָס איז נזהר אין זיי וועט ער פון זיך אָפּטאָן יעדער שלעכטס, און זיי זענען אין דער צאָל פון דעם שם הוי׳, ווייל צוליב זיין פיל רחמנות וויל נישט דער אויבערשטער אַז דער רשע זאָל שטאַרבן, נאָר ער וויל אַז ער זאָל תשובה טאָן און זאָל לעבן.

**דער מענטשן זאָל זיך פאַרטראַכטן אין פרעה הרשע, וואָס האָט געהאַרטעוועט זיין נאַקן און איז געשלאָגן געוואָרן.**

**ואל,** און דער מענטש זאָל נישט זיין קיין האַרטנעקיגער תשובה צו טאָן. ער זאָל זיך פאַרקוקן אויף פרעה, וואָס ער איז געווען האַרטנעקיג און האָט נישט געוואָלט פאָלגן דעם אויבערשטן, איז ער געשלאָגן געוואָרן מיט פיל שלעק ביז ער האָט געמוזט מיט געוואַלד אַרויסשיקן די אידן פון מצרים, און די מצריים האָבן זיי נאָכגעיאָגט און זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים סוף. דעריבער קער זיך תיכף ווידער צוריק צו אונזער גאָט, ווייל ער מערט צו פאַרגעבן פאַר דעם מענטש די זינד.

❀ ❀ ❀

## הוספה לאות ט״ז – ע׳ י׳

## די גרויסקייט פון זיך מבזה זיין פאַר אַ מצוה

**דער** הייליגער צדיק רבי נחמן פון ברעסלעוו האָט דערציילט: איינמאָל איז געווען אַ רב וועלכער איז אַרומגעגאַנגען זאַמלען נדבות (פאַר פדיון שבויים, אָדער הכנסת כלה פאַר אַ יתומה). ער האָט געדאַרפט האָבן אַ פּאָר הונדערט רענדלעך. קומט ער צו אַ גביר און בעט פון אים דעם סכום וואָס ער דאַרף. האָט ער אים נישט געוואָלט געבן, און אַזוי ווי ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, האָט דער גביר זיך אָנגערופן: אַזוי ווי ער האָט ביי זיך אַ ״טענדע ורענדע״ (אַ מלבוש פון אַ כומר), אויב ער וועט זיך דאָס אָנטאָן און אַזוי אַרום גיין אין אַלע גאַסן פון שטאָט – דאַן וועט ער אים געבן די גאַנצע געלט וואָס ער דאַרף פאַר צדקה.

**דער** רב האָט גלייך מסכים געווען, און אַרומגעגאַנגען די גאַנצע שטאָט מיט די גלחי׳שע קליידער, נישט קוקנדיג אויף אַלע בושות ובזיונות, אַבי ער קען אַרויסהעלפן אידן מיט צדקה. אַזוי אַרום האָט ער באַקומען די גאַנצע געלט וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן... נאָכדעם האָט דער רב געבעטן, ער זאָל אים געבן במתנה דעם גלח׳שן מלבוש (טענדע ורענדע) וועלכע ער האָט געטראָגן, און ער האָט דאָס אים געגעבן.

**איידער** דער רב איז נפטר געוואָרן האָט ער געלאָזט אַ צוואה, אַז פון דעם גלח׳שן מלבוש זאָל מען אים מאַכן די תכריכים. און אַזוי איז געווען: מען האָט געמאַכט די תכריכים פון דעם מלבוש, נאָר אַ קליין שטיקל פון די פיס וואָס איז נישט גענוג געווען, האָט מען צוגעניייט פון אַנדערע תכריכים-שטאָף.

**יאָרן** שפּעטער איז געווען אַ סיבה וואָס מ׳האָט געמוזט מפנה זיין דעם דאָזיגן רב – האָט מען געטראָפן אַז דער גאַנצער קערפּער זיינער איז געווען גאַנץ אומבאַשעדיגט, אויסער דאָס קליין שטיקעלע

פון די פיס וואָס איז נישט געווען אָנגעקליידעט מיט דעם גלח׳שן קלייד, האָבן די ווערים יאָ געהאַט אַ שליטה. (די מעשה האָט דערציילט רב פנחס ביבליטשער, בשם דעם ברעסלעווער רבי׳ן).

(אוצר פון יראת שמים)

❖ ❖ ❖

## הוספה לאות כ״ו

**אַמאָל** איז דער בעל שם טוב געפאָרן קיין קאַמינקע, און נאָענט צו דער שטאָט האָט ער געהערט אַ כרוז (אַ הימלישן רוף) אָפצוזאָגן דעם שוחט פון דער קהילה (אין קאַמינקע). האָט דער בעל שם טוב געזאָגט: ״איך וועל אים אָפזאָגן און שאַפן אַן אַנדער פרנסה״ ווייל ער איז זייער פאָרזיכטיג געווען נישט צו צונעמען אַ פרנסה פון קיינעם.

**ווען** ער איז אָנגעקומען צו דעם הויז פון רבי ברוך, האָט זיך רבי ברוך צוגעגרייט און גע׳שחט׳ן עטלעכע בהמות, און איין בהמה איז טרייף געוואָרן, האָט אים רבי ברוך אויפגעהאָנגען אין קאָרידאָר און דער בעל שם טוב האָט דאַן געררייכערט זיין לולקע אין קאָרידאָר. ווען רבי ברוך איז דאָרט אַריבער, האָט אים דער בעל שם טוב געבעטן ער זאָל אָפשניידן אַ שטיקל פלייש פון האָט די בהמה און עס אָפבראָטן פאַר אים און רבי ברוך האָט געמיינט אַז דער בעל שם טוב זאָגט עס געוויס אַלץ אַ ווערטל, האָט רבי ברוך געזאָגט ״דער הויך געשעצטער רבי זאָל נישט עסן פון די בהמה״, און דער בעל שם טוב האָט זיך אָנגערופן ״געוויס וועל איך יאָ עסן דערפון״. אַז רבי ברוך האָט געזען אַז דער בעל שם טוב מיינט עס ערנסט האָט ער געזאָגט ״די בהמה איז דאָך טרייף״, האָט דער בעל שם טוב ווייטער געזאָגט ״אָבער די בהמה בעט מיר איך זאָל פון איר עסן. זאָגט מיר נאָר פאַרוואָס זי איז געוואָרן

טריפה און ער האָט געשיקט רופן דעם שוחט און אים געפרעגט פאַרוואָס עס איז טריפה, האָט דער שוחט געענטפערט "עס זענען פאַראַן פאַרשידענע דעות צווישן די פוסקים, אַנדערע זאָגן אַז עס איז כשר און אַנדערע זאָגן אַז עס איז טריפה. האָט דער בעל שם טוב געהייסן אָפשניידן אַ שטיק פלייש און עס בראָטן און ער האָט געזען אַז עס איז זייער שווער פאַר זיינע מענטשן. דעריבער האָט ער באַפוילן צו שיקן אַ שליח צו רבי שמואל דער דיין דער מורה צדק און מען זאָל פון אים ברענגען אַ תשובה איידער מען וועט עס בראָטן. און אַזוי האָט מען געטאָן. מען האָט באַלד געשיקט אַ שליח אויף אַ גוטן פערד און ער האָט געברענגט דעם ענטפער פון מורה צדק אַז עס איז כשר. דאַן האָט דער בעל שם טוב אָפגעזאָגט דעם שוחט און האָט אים נישט געוואָלט צושטעלן קיין אַנדער פרנסה.

❖ ❖ ❖

## הוספה לאות יז

### - א -

**ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, "אלו מלמדי תינוקות".**

**איתא** בחז"ל (בבא בתרא ח:) ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, "אלו מלמדי תינוקות". פירש"י מצדיקי הרבים הן שמלמדים ומחנכין אותן בדרך טובה עכ"ל. הרי שעיקר שכר הגדול הגנוז למלמדי תינוקות של בית רבן לעתיד לבוא הוא עבור מה שמחנכין ומדריכין את התלמידים בדרך הישרה.

**ועכשיו** הגע עצמך הרי בימי רש"י ז"ל עדיין היו שנים כתיקונם וההורים יגעו ועמלו לחנך פרי בטנם בדרך הטוב והישר בין האב ובין האם, ואעפ"כ הי' מן הצורך שהמלמד ישלים גם חלק זה. עאכו"כ בימים אלה שהאבות מבלים רוב ימיהם בטירדת הפרנסה ומיעוט שאינו מצוי שיפריש חלק חשוב מעתו לחינוך הילדים כדבעי וההורים משלחין בניהם לת"ת ע"מ שיצאו משם כלי שלימה בתורה ויר"ש, וכיון שהמציאות כך, אחריות גדולה ורציני מורכבת על כתפי המלמד וכל גופו תאחזמו רעד בהתבוננו כי הילדים היושבים לפניו מוטלים עכשיו על פרשת דרכים של דרכי החיים הנצחיים ורק בו תלוי עתידו של כל ילד אם לחיים של תורה ויראה טהורה או ח"ו...

**וכמו** כן גורלו של הולד הזה בענין התפלה בכללות ואמירת אמן יהא שמיה רבא בפרטות תלוי לפי תגבורת הדרכה והתעוררות שמקבל בע"ז ממלמדו ומדריכו, ואם המלמד יזדרז לספר לתלמידיו גודל מעלתו הזהיר בזה וגם יכפיל להזהירו בשעת מעשה באמירה רכה וקשה אז הרגל יתהפך לטבע ויראה פרי בעמלו וזכותו יעמוד לו לנצח.

**אף** גם זאת המלמד ישים אל לבו כי דבריו ישאו פירי פירות ולא די זה שזכות אמרותיו גבהו מעל גבוה מטעם שהלא מצוה גדולה הלזו מתקיימת בזכותו אולם הקרן קיימת לו גם לדורות הבאים אחר זה כי

הילדים הללו יגדלו ויהיו לאנשים וידריכו בניהם אחריהם בדרך שקיבלו הם, וכי אותן הילדים שלאח"ז יטו שכמם שינטו לסבול עול מלומדות עוד זכור יזכרו ממה שקיבלו הם להמשיך להלאה לתלמידיהם דרך זו.

**נתבונן** מעט מכחו הגדול של אמירת אמן יהא שמיה רבא של תינוקות שלא טעמו טעם חטא,

**איתא** בשבת (קיט:) אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל פיהם של תינוקות של בית רבן. רואים אנו מזה גודל מעלת תינוקות שלא טעמו טעם חטא. וחז"ל לא ביארו איזה הבל, ומסתימת לשונם נראה כי הכל במשמע: תורה ותפלה, וכיוצא. הרי רואים מזה שעצם אמירת אמן ויהא שמיה רבה שגבה מעלתה עד מאד שמבטל כל טנרין תקיפין ופגעים רעים וגזירות קשות רח"ל, ומשפיע השפעות טובות ומקרב קץ גאולתנו ופדות נפשנו, עד שאמרו חז"ל בסוטה (דף מט.) דעלמא קיימא אאמן יהא שמיה רבא דאגדתא, ועכשיו אנו יכולים לשער כמה גדול כחם של תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא ומקיימין העולם בהבל פיהם כשיענו אמן יהא שמיה רבא.

- ב* -

## כשהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא

**איתא** בחז"ל (סנהדרין קי:) קטן מאימתי בא לעולם הבא? משעה שיאמר אמן. ובשו"ע סימן כ"ה סעיף ז' כתב המחבר, לא ישיח שיחת חולין בשעה ששליח ציבור חוזר התפילה ואם שח הוא חוטא וגדול עונו מנשוא וגוערים בו.

**וברמ"א** שם: "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא" (מג"א ס"ק י"א). ומובא בשלה"ק וצריך שיחנכם שיעמדו באימה וביראה, ואותן שרצים ושבים בבית הכנסת מוטב שלא להביאם עכ"ל.

**עוד** איתא בשבת שם (קיט: ובתוספות שם) העונה אמן בכל כחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה (וראה תיקוני זוהר יט, מ: ועיין חלק ג׳ כ׳. וברעיא מהימנא הגירסא ״אמן יהא שמה רבה מברך״ ולא ״אמן״ בלבד״).

**גם** במסכת שבת (דף קי״ט ע״ב) מביאין התוס׳ בשם הפסיקתא, וז״ל: כשישראל נכנסין לבתי כנסיות ואומרים אמן יהא שמי׳ רבא בקול רם מבטלים גזירות קשות. ובמדרש רבה ריש פרשת כי תבוא איתא, שאין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונין.

**ומזה** בקל יוכל להשיג אפס קצהו ממעלת המלמד המשקיע זמן רב וכח עצום לחנך ילדיו לקיים מצוה זו כדבעי. אולם לדאבונינו מיעוטא דלא מצוי המלמדים העוסקין בזה, וגם המעוטין לא בדרך קבע ואפילו אם התינוקות זהירין באמירת אמן באותה שעה מחמת מורא הרב העומד ע״ג, אין סופו להתקיים גם כשיגדל ויצא מתחת יד רבו, שהרי לא מצד הרגש נפשו עשה כן רק מפחד מקל רודה שביד הממונה, ומה טוב הי׳ אם הי׳ המלמדים מסבירין בנועם שיח להתלמידים גודל מעלת ויופי שכר להזהירין, בעלמא הדין ובעלמא דאתי, ולספר להם סיפורים נפלאים בענין אמן ויהא שמיה רבא, עד שהדברים יכו שורש בלבות הנערים וירבה ויציץ ציץ הפורח פרחים נאים להרבות כבוד שמים, ואז ודאי יוכל לבטוח דגם כי יזקין לא יסיר ממנה כי יתהפך להיות כטבע הנולד עמו.

**ואצטט** כאן איזה מאמרי חז״ל שמהם נוכל לראות מעלת וחשיבות תשב״ר בשמים:

**א.** כל יום מלאך יוצא מלפני הקדוש ברוך הוא לחבל את העולם, וכיון שהקדוש ברוך הוא מסתכל בתינוקות של בית רבן מיד נהפך כעסו לרחמים, (מסכת כלה רבתי, ב). **ב.** בשעה שהתינוקות יוצאין מבית רבן בת קול יוצאת ואומרת להם לך אכול בשמחה לחמך, (קהלת רבתי ט, א). **ג.** סופרין ומשנין ומלמדי תינוקות לאמיתן עתידין לעמוד בימינו של

הקב״ה, (מדרש רבה ויק״ר ל, ב). **ד.** באו וראו כמה חביבין תינוקות לפני הקב״ה גלתה סנהדרין ולא גלתה שכינה עמהם וכיון שגלו תינוקות גלתה שכינה עמהם, (איכה רבתי א, לג). **ה.** כל עיר שאין בה תשב״ר מחריבין אותה, (שבת קיט:). **ו.** אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תשב״ר, (שם). **ז.** אין מבטלין תשב״ר אפילו לבנין בית המקדש, (שם). ואיתא בזוה״ק (ח״ג רפג) בשעה שבני ישראל עונים אמן, נפתחים בשמים שערי ברכה ושמחה.

## - ב -

## משל מתאים מהרה״ק מאפטא

**משל** מתאים מהרה״ק מאפטא זי״ע על הכסילות של הפתאים המאבדים הון יקר בביטול עניית אמן

**איתא** מהרה״ק מאפטא זי״ע בעל מחבר ספר אוהב ישראל על התורה פרשת עקב, על המדרש, והיה עקב תשמעון, הדא הוא דכתיב הלך ילך ובכה וגו׳ והיא פליאה.

**ואמר** הרה״ק מאפטא, עפ״י משל לאחד שהיה מחוסר פרנסה לא עלינו, ללכת ולקבץ במקומו שיתנו לו צדקה, והיה לו לבושה עד שהוכרח לעזוב ביתו ומקומו לילך למקומות שאין מכירין אותו, והלך ממקום למקום כמה וכמה שנים עד שבא למקום החוילה אשר שם הזהב כי שם הרים גדולים ומחצב הזהב וכל אבן יקרה נמצא שם, ובמדינה זו מונחים אבנים טובות הפקר בשווקים וברחובות כמו במדינותינו אבנים פשוטים שמונחים הפקר, ולכל אבן היקר משם (הם הדימאנטין ובריליאנטין) אפילו הקטן שבקטנים מהם אין לה שיעור וערך כמה שוה במדינותינו.

**אבל** האיש הזה לא שם על לבו ולא הבין איכותם עד היכן הם יקרים, כי עלה בדעתו שהם אבנים פשוטים, רק ממה שראה בהם קצת שינוי במראיתם מהאבנים שבמקומו הוטב בעיניו ולקח אמתחת קטנה

ושם מעט אבנים קטנים באמתחתו כי היה בדעתו לשוב לביתו למקומו. וגם במדינה זו הנזכרת אשר שם האבנים הטובות עושים לבגדים כפתורים מהאבנים הטובות היקרים שבהם, וגם האיש הזה כאשר נתעכב שם זמן רב עשה לו שם גם כן בגד אחד ועשו לו גם כן בגד עם כפתורים ההם, וחזר לביתו ממקום למקום עד שישוב לביתו, ותעה על הדרך איזה ימים ולא היה לו מה לאכול.

**ופגע** באחד והיה לו שק גדול מלא לחם רק שהיה תרמית, כי כל השק היה לחם מעופש ואינו ראויי לכלום, רק השק מלמעלה היה מכוסה בלחם יפה ולא היה ניכר לחם המעופש. ואמר האיש שיתן לו לחם לאכול כי היה רעב, ואמר לו מה תתן לי בעד כל השק לחם, אמר לו האיש אין לי כלום רק אבנים באמתחתי. וכן עשו, שהאיש הריק לו מאמתחתו האבנים הטובות ולקח בעדם השק עם הלחם המעופש.

**כאשר** בא לביתו יצאו לקראתו בני ביתו וילדיו והיה להם שמחה גדולה כי לא ראו אותו כל כך הרבה שנים ודימו בנפשם כי הביא להם מתנות גדולות והון רב, וכאשר ראו אצלו השק עם הלחם המעופש היה להם צער גדול וצעקו במר נפשם מה זה שהיית כך וכך שנים על הדרך והבאת לנו שק לחם מעופש שאינו ראוי לכלום.

**ואחר** איזה ימים, כאשר חיפשו באמתחתו מצאו עוד אבן אחת מהאבנים הטובות, שלא הריק כראוי כאשר החליף האבנים בעד הלחם המעופש, וגם ראו על בגדו הכפתורים מהאבנים הטובות שהיה תפור על הבגד, ולקחו בני ביתו האבן הטוב עם הבגד לשומו אצל סוחר גדול ומבין על אבנים טובים, ואמר להם שיתן בעדם עשרת אלפים אדומים, ושמחו שמחה גדולה כל בני ביתו. אבל האיש הזה התחיל לצעוק צעקה גדולה ומרה ותלש בשערו, אוי לי, וי לי, שהייתי במקום אבנים הטובים והיקרים ההם, והייתי יכול ליקח כמה שרציתי ולא ידעתי איך יקרים הם בכאן, ועוד הוספתי חטא על פשע שנתתי

מעט האבנים הטובים שהיה באמתחתי בעד הלחם המעופש שאינו ראוי לכלום, ובכה מאד והיה לו לצער גדול רחמנא ליצלן.

**והנמשל** מובן. הנשמה קודם שבאה לעולם הזה בעולם העליון אוכלת נהמא דכסופא, ובאה לעולם הזה ללמוד תורה הקדושה ולעשות מצוות ומעשים טובים שתהא אוכלת בשכרה, וכל מצוה ממצוות התורה ודרבנן אין לה שיעור וערך גודל שכרה [הדא הוא דכתיב (משלי ג) יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה)] ועל זה אמרו חז"ל שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, הפירוש שאין בנמצא בכל העולם הזה לשלם שכר בעד מצוה אחת. והחכם עיניו בראשו אינו מאבד זמנו לבטל רק בתורה ומצוות ומעשים טובים ואפילו במשא ומתן הוא עושה לקיום התורה והמצוות בכל דרכיך דעהו. אבל הכסיל בחושך הולך ומאבד ימיו לבטלה ומדבר דברים בטלים כל היום, ולא די לו כל היום, אפילו בשעת התפלה ובחזרת הש"ץ השמונה עשרה אשר כל אמן שעונה אין לה שיעור וערך גודל שכרה והמדבר דברים בטלים העונש גדול מאוד.

**וזהו** פירוש המדרש והיה עקב תשמעון, ופירש רש"י אם המצוות קלות שאדם דש בעקביו תשמעון, וכל המצוות שבידו לעשות ולא לדבר בשעת התפילה ולשמוע כל הברכה ולענות אמן, וקלים הם בידו לקיים בכל יום, ומשולים הם לאבנים טובים שמונחים הפקר ואינו רוצה לקבלם, והוסיף עוד חטא על פשע ומדבר אז דברים בטלים המכוונים ללחם המעופש (אבל עם כל זה אין ישראל שלא יעשה מצוה, כמאמר חז"ל כפלח הרמון רקתך, ולא יענה אמן איזה פעמים והם מכוונים לאבנים טובים שנמצא באמתחתו הוא גופו). וכאשר הלוך ילך מזה העולם לעת פקודתו ובכה כי שם הוא מעוות שלא יוכל לתקן רחמנא לשזבן.

**ונגמור** בטוב כל הפסוק, נושא משך הזרע, באם ששומע כל הברכות ועונה אמן אשר בעולם הזה נראה שהוא דבר קטן כמו

הזריעה שזורעין בקרקע, אבל אחר כך בעולם העליון לעת פקודתו בא יבא ברנה נושא אלומותיו, נעשה מזה אלומות אלומות גדולים (ספר הפנים דף טו: אות לא).

❁ ❁ ❁

בס"ד

# נדבת

הרה"ח מוהר"ר

**אברהם שלמה פאפלאנאש** שליט"א

לעילוי נשמת אביו הרה"ח מוהר"ר

**יקותיאל שמואל בן ר' אברהם שלמה** ע"ה

נפטר ר"ח סיון שנת תשנ"ה לפ"ק

ולעילוי נשמת זקינו הרה"ח מוהר"ר

**אברהם שלמה בן ר' בנימין** ע"ה

ת. נ. צ. ב. ה.